**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע פלאן וויאזוי צו עררייכן לאנד'ס-פירנדע זעקס גיגאַוואַטס פון ענערגיע סטאָרעדזש ביז 2030

***ברייטע בלופרינט שלאגט פאר צו פארברייטערן סטעיט'ס ערפאלגרייכע ענערגיע סטאָרעדזש פראגראמען צו ארויסנעמען די מערסטע פון די שנעלע וואוקס פון ריינע ענערגיע מקורות און פארשטערקערן פארלעסליכקייט פון די עלעקטריציטעט סיסטעם און צופרידנשטעלן קליענטן***

***סטארעדזש באנוץ ערווארטעט צו רעדוצירן געשאצטע צוקונפטיגע עלעקטריציטעט סיסטעם קאסטן איבערן סטעיט מיט כמעט 2 ביליאן דאלאר אויב באשטעטיגט***

***שטיצט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהלן צו אויפטרייבן 70 פראצענט פון סטעיט'ס עלעקטריציטעט פון ריינע מקורות ביז 2030 און 100 פראצענט פון עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א נייע פלאן פאר די סטעיט צו אנקומען צו א לאנד'ס-פירנדע זעקס גיגאַוואַטס פון ענערגיע סטאָרעדזש ביז 2030, א מאס וואס איז צום ווייניגסטנס 20 פראצענט פון די מאקסימום עלעקטריציטעט אויף די 'גריד' אויף א מאל אין ניו יארק סטעיט. די פלאן איז אריינגעגעבן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און דורך די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS) צו די פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission, PSC) צו איבערגעקוקט ווערן, און עס שלאגט פאר א ברייטע רייע רעקאמענדאציעס צו פארברייטערן ניו יארק'ס ענעריגע סטאָרעדזש פראגראמען צו ארויסנעמען די מאקסימום באנוץ אויף א שפארזאמע וועג פון ריינע ענערגיע מקורות ארום די סטעיט און צו פארשטערקערן די פארלעסליכקייט פון די עלעקטריציטעט סיסטעם און צופרידנשטעלן קליענטן. אויב עס וועט באשטעטיגט ווערן, וועט די פלאן שטיצן דאס ארויסבויען סטארעדזש באנוץ וואס איז געשאצט צו רעדוצירן די פארגרעזאגטע צוקונפטיגע עלעקטריציטעט סיסטעם קאסטן איבערן סטעיט מיט כמעט 2 ביליאן דאלאר, אין צוגאב צו נאך בענעפיטן אין פארעם פון פארבעסערטע פובליק געזונטהייט צוליבן זיין ווייניגער אויסגעשטעלט צו שעדליכע פאַסיל אויל פארפעסטיגנדע כעמיקאלן. די היינטיגע אנאנס שטיצט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act) ציהלן צו אויפטרייבן 70 פראצענט פון די סטעיט'ס עלעקטריציטעט פון ריינע מקורות ביז 2030 און 100 פראצענט פון עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040.

"קענען אוועקלייגן ענערגיע פון ריינע מקורות און עס דערנאך שיקן וואו און ווען עס פעהלט אויס איז איינס פון די מערסט קריטישע שוועריגקייטן וואס מיר מוזן איבערקומען כדי צו קענען רעדוצירן עמיסיעס איבערן סטעיט, באזונדערס פון 'פיקער' איינריכטונגען וועלכע ארבעטן אויף טראדיציאנאלע פאַסיל אויל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פלאן וועט דינען אלץ א מוסטער פאר אנדערע סטעיטס עס נאכצומאכן

דורכן ארויסנעמען די מערסטע פון דאס באנוץ מיט ריינע ענערגיע בשעת'ן ערמעגליכן א פארלעסליכע און שטאנדהאפטיגע טראנספארמאציע פון די עלעקטריציטעט סיסטעם."

NYSERDA און די DPS האבן פארזיכטיגערהייט איבערגעקוקט פאטענציאלע מארקעט רעפארמען און שפארזאמע איינקויפונג מעטאדן צו עררייכן זעקס גיגאַוואַטס, און זיי האבן אידענטיפיצירט וואס עס פעהלט זיך אויס צו פארשנעלערן פארשונג און אנטוויקלונג פון נייע טעכנאלאגיע, באזונדערס פאר סטאָרעדזש פאר לענגערע צייטן. די אגענטורן האבן אויך געמונען אין באטראכט א צוגאנג צו ענערגיע סטאָרעדזש באנוץ אין א וועג וואס מאכט פארשריט מיטן עלימינירן די סטעיט'ס מערסט-פארפעסטיגנדע פאַסיל אויל פלענטס, ווי פארגעשלאגן דורך גאווערנער האקול אין איר 2022 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע.

די פלאן שלאגט פאר צו איינפירן NYSERDA-אנגעפירטע פראגראמען צו איינקויפן נאך 4.7 גיגאַוואַטס פון נייע סטארעדזש פראיעקטן פאר די 'באָלק' (אויף א גרויסע פארנעם), ריטעיל (קאמיוניטי, קאמערציעל און אינדוסטריאל) און פריוואטע ענערגיע סטאָרעדזש סעקטארס אין ניו יארק סטעיט. די צוקונפטיגע איינקויפונגען, צוזאמען מיט די 1.3 גיגאַוואַטס פון עקזיסטירנדע ענערגיע סטאָרעדזש וואס איז אוין אונטער קאנטראקט מיט די סטעיט און רוקט זיך פאראויס אין די ריכטונג פון אנהויבן קאמערציעלע אפעראציעס, וועט ערלויבן די סטיעט צו עררייכן איר ציהל פון זעקס גיגאַוואַטס ביז 2030.

**דאָרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "דאס פארשנעלערן דאס אריינברענגען ענערגיע סטאָרעדזש אריבער די סטעיט וועט ערלויבן מער ווינט און סאלאר ענערגיע צו ווערן ארייגעברענגט אין אונזער עלעקטריציטעט סיסטעם, פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון די לופט פאר פילע קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש באטראפן געווארן פון פאַסיל אויל-געטריבענע פארפעסטיגונג. ארויפבויענדיג אויף ניו יארק'ס פארשריט אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, וועט די פלאן אויספלאסטערן א וועג פאראויס פאר די אינדוסטריע צו ארבעטן בשותפות מיט אונז זיי צו נעמען פאראויס צו די קומענדיגע כוואליע פון פראיעקטן וועלכע וועלן העלפן ניו יארקער ארויסנעמען די בענעפיטן פון די וויכטיגע טעכנאלאגיע."

**דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס CEO, ראָרי מ. קריסטשען, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז א וויכטיגע שטיצער פון ענערגיע סטאָרעדזש אנטוויקלונג אין ניו יארק סטעיט. די פלאן וואס ווערט פארגעשלאגן גיבט פאר ניו יארק די מיטלען וואס זי דארף צו פארשנעלערן אונזער אריבערגאנג צו א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע און צו נאכקומען אונזערע קריטיש-וויכטיגע קלימאט ציהלן."

די פלאן שלאגט פאר:

1. 3,000 מעגאַוואַטס פון נייע 'באָלק' סטארעדזש, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר בערך איין מיליאן היימער פאר ביז אזויפיל ווי פיר שעה, צו איינגעקויפט ווערן דורך א נייע 'אינדעקס סטארעדזש קרעדיט' סיסטעם וואס איז ערווארטעט צו ברענגען לאנג-טערמיניגע זיכערהייט צו פראיעקטן בשעת'ן מאקסימיזירן די איינגעשפארטע געלטע פאר קליענטן;
2. 1,500 מעגאַוואַטס פון נייע ריטעיל סטארעדזש, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר בערך 500,000 היימער פאר ביז אזויפיל ווי פיר שעה און 200 מעגאַוואַטס פון נייע סטארעדזש פאר פריוואטע וואוינונגען, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 120,000 היימער פאר ביז אזויפיל ווי צוויי שעה, צו געשטיצט ווערן דורך א פארברייטערונג פון NYSERDA'ס עקזיסטירנדע ראיאן-ספעציפישע בלאק באלוינונג פראגראמען;
3. נוצן צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון פראגראם פינאנצירונג צו שטיצן פראיעקטן וועלכע ברענגען בענעפיטן פאר שוואכערע קאמיוניטיס (Disadvantaged Communities, DAC's) און

וואס ציהלט אויף עמיסיע רעדוקציעס ביי 'פיקער' פלענטס וואס באנוצן זיך מיט פאָסיל אויל מיטן קאנצעטרירן א חלק פון דעם פראגראם פאר פראיעקטן וועלכע געפונען זיך אין די דאַונסטעיט ראיאן, צוליב די הויכע קאנצענטראציע פון DAC'ס און פיקער פלענטס דארט;

4. פארלאנגען פון עלעקטריציטעט יוטיליטי פירמעס צו שטודירן די פאטענציאל פון טייערע ענערגיע סטאָרעדזש פראיעקטן צו צושטעלן שפארזאמע טרענסמישען און דיסטריביושען סערוויסעס וועלכע זענען יעצט נישט דא צו באקומען דורך עקזיסטירנדע מארקעטס;
5. א פארגעזעצטע דין קדימה אין עקזיסטירנדע פראגראמען פאר אינוועסטירונגען אין פארשונג און אנטוויקלונג וועלכע זענען פארבינדן מיט פארלעסליכע ענערגיע סטאָרעדזש טעכנאלאגיעס פאר לענגערע צייטן; און
6. פארלאנגען אז די אנגענומענע געהאלטן זאלן געצאלט ווערן פאר ארבייטער אויף ענערגיע סטאָרעדזש פראיעקטן מיט א קאפאציטעט פון איין מעגאַוואַט און ארויף, ארויסווייזנדיג די סטעיט'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו טרייבן פאר דזשאבס מיט וועלכע מען קען אויסהאלטן א פאמיליע אין די פעלד פון ריינע ענערגיע.

דאס פארברייטערונג פון די סטעיט'ס ענערגיע סטאָרעדזש ציהל איז ערווארטעט צו האבן א השפעה אויף די דורשניטליכע עלעקטריציטעט ביל פאר ניו יארקע עלעקטריציטעט באניצער מיט ווייניגער ווי האלב פון א פראצענט אדער פון בערך $0.46 א חודש. די פלאן איז אפן פאר פובליק קאמענטארן אויף די וועבזייטל פון די דעפארטמענט פון פובליק סערוויס און נאכפאלגנדע באשליסן זענען ערווארטעט צו אנגענומען ווערן אין 2023.

ענערגיע סטאָרעדזש שפילט א קריטישע ראלע אינעם שטיצן ניו יארק'ס עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סיסטעם דורכן ערמעגליכן דאס אריינברענגען גרויסע מאסן פון ריינע ענערגיע, העלפנדיג מאכן דאס אויפטרייבונג גלאטער, רעדוצירן דאס דארפן באגרעניצן די אויפטרייבונג און צו אריבעררוקן ריינע-ענערגיע אויפטרייבונג צו פלעצער און צייטן וואו און ווען עס פעהלט די מערסטע אויס. ביז נאוועמבער 2022 האט ניו יארק פארטיילט איבער 500 מיליאן דאלאר צו שטיצן בערך 130 מעגאַוואַס פון אפערירנדע ענערגיע סטאָרעדזש אין די סטעיט. עס זענען דא מער פון 1,300 מעגאַוואַטס פון נאך ענערגיע סטאָרעדזש אונטער קאנטראקט מיט די סטעיט און זיך רוקנדיג אין די ריכטונג פון קאמערציעלע אפעראציע. אזוי ווי ניו יארק רוקט אריבער געביידעס, טראנספארטאציע און אינדוסטריאלע באנוצן צו נוצן עלעקטריציטעט, וועט דאס פארשנעלערן דאס אנהויבן נוצן ענערגיע סטאָרעדזש צושטעלן א בויגזאמע לייזונג צו העלפן נאכקומען די צוגעקומענע פארלאנגען פון די עלעקטריציטעט סיסטעם און שטיצנדיג דאס אויפהערן נוצן דאַונסטעיט פאָסיל אויל פלענטס וועלכע זענען שוין פארעלטערט.

**דר. וויליאם אקער, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון NY-BEST, האט געזאגט,** "די נייע ענערגיע סטאָרעדזש פלאן וואס איז היינט פארעפנטליכט געווארן אנערקענט די קריטישע ראלע פון ענערגיע סטאָרעדזש ביים נאכקומען אונזערע קלימאט ציהלן און ערמעגליכן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט גריד און לייגט ארויף ניו יארק אויפן וועג צו אנהויבן נוצן 6 גיגאַוואַטס פון ענערגיע סטאָרעדזש ביז 2030, ווידערהאלנדיג ניו יארק'ס פאזיציע אלץ א גלאבאלע פירער אין ענערגיע סטאָרעדזש און פארמערנדיג ריינע-ענערגיע דזשאבס אין די סטעיט. NY-BEST גראטולירט NYSERDA און די DPS אויף די ברייטע און דורכגעטראכטע פלאן, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע מיטגלידער און סטעיט שותפים צו ארויסנעמען די פילע בענעפיטן פון ענערגיע סטאָרעדזש אויף די עלעקטריציטעט גריד."

**דר. מ. סטענלי ווינטינגהעם, געעהרטער פראפעסאר ביי בינגהעמטאן אוניווערסיטעט און נאבעל פרייז געוואונער אין כימיע פאר זיין אנטוויקלונג פון ליטיום-אייאן באטעריעס, האט געזאגט,** "די נייע ענערגיע סטאָרעדזש פלאן וואס איז היינט פארעפנטליכט געווארן וועט נאך מער פארשטערקערן ניו יארק סטעיט אלץ א הויפט צענטער פאר די ענערגיע סטאָרעדזש אינדוסטריע. אנגעהויבן פון די

אנטוויקלונג פון נייע פראדוקטן און ערפינדונגען, ביזן ארויפברענגען פראדוקטן אויפן מארקעט, מעניופעקטשורינג און אריינברענגען אין באנוץ פון ענערגיע סטאָרעדזש, האט ניו יארק אנטוויקלט א שטאנדהאפטיגע סיסטעם צו קענען מאכן די טראנספארמאטיווע אינדוסטריע וואקסן."

**קייל ראבין פון די Alliance for Clean Energy New York (אליאנס פאר ריינע ענערגיע - ניו יארק) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס נייע ענערגיע סטאָרעדזש אינדוסטריע מוז שפילן א צענטראלע ראלע אין ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, און מיר באגרוסן די פארשלאג פארן שטיצן אינדוסטריע וואוקס. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט ניו יארק'ס באשלוסן מאכער אזוי ווי זיי רעפינירן און פארענדיגן די ענערגיע סטאָרעדזש 2.0 פלאן און טייטשן עס אויס צו ווערן פראגראמען אויפן שטח צו אנהויבן בויען באטעריע סטארעדזש פראיעקטן. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול, קודם כל פארן אוועקשטעלן די 6-גיגאַוואַט סטארעדזש ציהל, און יעצט אויך פארן פארשלאגן די פלאן צו אנקומען אהין."

**גערי לאבארבארע, פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט געביידע און קאנסטרוקציע האנדל קאונסיל (Building and Construction Trades Council) האט געזאגט,** "ענערגיע סטאָרעדזש איז קריטיש פאר ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט אזוי ווי עס מאכט ריינע מקורות ווי ווינט און סאלאר ענערגיע מער פארלעסליך און גרינגער זיי צו שיקן וואו זיי פעהלן אויס און עס איז נאך א סעקטאר פון גרינע אינפראסטרוקטור וואס וועט שאפן טויזנטע שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס פאר אונזער סטעיט'ס פלייסיג-ארבעטנדע מענטשן. די פאראנטווארטליכע אריינרעכענענדיג פון ענערגיע סטאָרעדזש מוז נישט נאר שטיצן די סטעיט'ס סטאנדארט-אוועקשטעלנדע ריינע-ענערגיע ציהלן, נאר עס גיבט אויך פאר די ארבייטער אין די קאנסטרוקציע אינדוסטריע יוניאן שטאנדהאפטיגע און פארפילנדע וועגן צו אנקומען צו א מיטעלע קלאס קאריערע מיט בענעפיטן, אריינרעכענענדיג דאס באצאלונג פון די אנגענומענע געהאלט. מיר לויבן אויס NYSERDA פארן אנערקענען די וויכטיגע אנגעלעגנהייטן און פארן שטיין אין שפיץ פון פראיעקטן און אונטערנעמונגען וועלכע ברענגען געלעגנהייטן און סטאביליטעט פאר אונזערע מיטגלידער וועלכע זענען פונדאמענטאל אין ניו יארק'ס פירערשאפט אין די ריינע ענערגיע פעלד."

**דזשוּליע טייג, פרעזידענט פון די ניו יארק ליגע פון אפהיטונג ווילער (New York League of Conservation Voters, NYLCV) האט געזאגט,** "אויב ניו יארק וויל נאכקומען אירע לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן דארפן מיר אז מער ריינע ענערגיע זאל אריינפליסן אין אונזערע געביידעס, אונזער טראנספארטאציע און אונזערע היימער, און א קריטישע חלק דערפון איז זיכער מאכן אז מיר האבן די נויטיגע סטארעדזש קאפאציטעט אין פלאץ. די NYLCV איז א שטארקע שטיצער פון גאווערנער האקול'ס נייע ציהל פון 6 גיגאַוואַט פון סטארעדזש ביז 2030 און אזוי אויך פון ניו יארק'ס 2022 ענערגיע סטאָרעדזש פלאן און די פילפאכיגע צוגאנג צו אנקומען צו די נייע ציהל אין א וועג וואס איז שפארזאם און יושר'דיג צו די ענווייראמענט און מיט אן איבערגעגעבנקייט צו ברענגען דזשאָס וואס ווערן באצאלט ווי אנגענומען צו אויספירן די פלענער."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר

צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. צוזאמען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע אינדוסטריע זינט 2021, א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ווינט-ענערגיע וואס ווערט אויפגעטריבן אין די ים ביז 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן